# Algemeiner Journal

דער

A NATIONAL JEWISH JOURNAL

# אלגעמיינער זשורנאל

FRIDAY, JUNE 4, 2004 | ב"ה, ויום ו', ט"ו סיון תשס"ד | פרייטיק, יוני 4, 2004


## ווערים אין דעם וואסער פון ניו יארק:

# רבנים און חרדישע אידן דיסקוסירן כשרות פון קאלטן וואסער אין ניו יארק וואו מ'האט אנדעקט ווערים און לעבעדיקע באשעפענישן

אין דער הרדישער וועלט פון ניו יארק איז אויסגעבראכן א נייער שטורם, ווען עס איז אנדעקט געווארן אז אין דעם קאלטן וואסער וואס ווערט געטרונקען אין ניו יארק און אומגעגנט זענען פאראן לעבעדיקע ווערים און אנדערע באשעפענישן וואס מען קען זעען מיט א מיקראסקאפ.

איצט דיסקוסירן די שאלה פון דעם כשרות פון דעם וואסער רבנים און אנדערע ספעציאליסטן אויף הלכה און אויף ווארים, צו פסקנען צי די וואסער האט א חשש אדער מען קען טרינקען די וואסער.

דער טימל ארום דעם וואסער איז געווארן נאך שטארקער ווען די ניו יארק "טיימס" האט אפגעדרוקט היינטיקן דינסטיק א באריכט אויף דער ערשטער זייט פון דער "מעטרא" אפטיילונג פון דער צייטונג די געשיכטע ארום דער שאלה אויף דעם וואסער.

פונקט ווי די שאלה ארום די שייטלעך פון אינדיא, וואס איז באשריבן געווארן אין דער "טיימס" אויף דער ערשטער זייט מיט עטלעכע וואכן צוריק און איז געווארן א וועלט סענסאציע, כאטש די אידישע פרעסע און רבנים האבן וועגן דעם געשריבן מיט א סך יארן צוריק.

די שאלה וועגן דעם כשרות פון דעם וואסער איז דיסקוסירט געווארן פון איגוד הרבנים פאריקן ראש חודש סיון, וואו הרב ר' ישראל בעלסקי האט געהאלטן א אויספירליכן הלכה-שיעור וועגן דער כשרות פון דעם וואסער און די שאלה פון די שייטלען פון אינדיא. (זעט ביטע באריכט אין דער ענגלישער אפטיילונג פון "אלגעמיינעם זשורנאל.")

מעדיצינישע עקספערטן האבן דערקלערט אז עס איז ניטא קיין שום פארדאכט אז די ניו יארקער וואסער וואס קומט פון וואסער-רעזערוואואר אין "אפסטייט" פון ניו יארק שטאט, און פון שטאנדפונקט פון געזונט קען מען טרינקן די וואסער. אבער די שאלה וואס רבנים דיסקוסירן איז די כשרות פון וואסער וואס אנטהאלט לעבעדיקע באשעפענישן, אלערליי זשוקן און ווערים, וואס א איד טאר ניט איינשלינגען.

א סך אידן אין די פרומע געגענטן האבן געקויפט וואסער-רייניקער וואס רייניקן און פילטערן דאס וואסער. דער פרייז פון די דאזיקע וואסער-רייניקער איז שטארק געשטיגן זינט עס איז ארויס דער פארדאכט אז דאס וואסער אנטהאלט ווערים און זשוקעס.

בקיצור, עס איז לעבעדיק אין שטעטל. אידן וואס האבן ניט געהאט, ברוך השם, קיין קאפ-ווייטיקן, האבן איצט אן עסק מיט וואסער און מיט שייטלען און די רבנים זענען "ביזי" מיט פארשן און פסקנען וואס מען מעג טרינקן און וואס ניט און וועלכע שייטלען פרויען קענען טראגן און וועלכע מען דארף פארברענען.



דער ווארים וואס מען האט אנדעקט אין דעם וואסער